STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03310

IN SHO FUN TFILE

Sam Simchovitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. סימכאָוויטש

אין שעה פון תפילה

לידער

אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמיטעט
ביי דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס
מאָנטרעאָל 1958

S. SIMCHOVITCH

IN HOUR OF PRAYER
POEMS

Copyright
S. SIMCHOVITCH
Ottawa, Ont.
Canada
1958

Printed in Canada
CITY PRINTING CO.

ס'איז מיין ליד פאַר די עלנטע און שטילע,
אויף וועגן פאַרשטויסענע און וויסטע;
אפשר וועט אַמאָל, אין שעה פון תפילה,
עמיצער דערהערן מיין געפליסטער.

אין טאָל פון טרערן

געזעגענונג

די נאַכט איז פול געוועז מיט געוויין און טרויער,
געזעגנט האבן די מאַמעס די אַנטלויפנדיקע זין;
געלאָפן זיינען זיי אין דער בהלה,
נישט געוואוסט האָט קיינער, וואו, וואוהין?

דעמאָלט בין איך אויך אַוועק
פון מיינע געסלעך די געהויקערטע און קרומע;
ס'האָט די מאַמע, כליפנדיק, צום לעצטן מאָל
מיט אירע דאַרע הענט מיך אַרומגענומען.

צו די טרעפּ פון דעם וואַיענדיקן צוג
בין איך צוגעפאַלן און אַרויף געשווינד
און איך האָב מיט צוגעמאַכטע אויגן
מיין היים אַרומגענומען און געזעגנט בלינד.

וואוהין ?

אויף אַלע שליאַכן פון דער גרויסער, ברייטער וועלט,
וואו ס׳וואיעט אום דער ווינט, אויף קרייץ פון וועגן,
שטייען מיר צעשראָקענע, אויף הפקר אויסגעשטעלט,
קיינער קומט אונדז נישט אַנטקעגן.

ווי בלאָנדזשענדיקע שיפן אין מיטן פונעם ים,
געשליידערטע פון ווינט און שטורעם,
בלאָנדזשען מיר און טרינקען זיך אין סם,
אין בלוטנדיקע ביטערע יסורים.

וואוהין? אין וועלכער זייט זאָלן מיר זיך ווענדן
אין דער גורלדיקער שעה ?
ווער וועט שענקן דאָס געגאַרטע פיצל אָרט
די מידע טריט וואָס בעטן זיך נאָך רו ?

אין פרעמדן לאַנד

איך שפּאַן אַ באָרוועסער אין פרעמדן לאַנד,
אין טרויער איינגעהילט איז מיין געמיט;
עס גליט דער הימל, ס׳גליט דאָס זאַמד
און ברענט מיין לייב און מיינע טריט.

איך שפּאַן אַ היימלאָזער, אַן שיך, אַן העמד,
מיט פיס געשוואָלענע און מידע;
אַרום מיר — אַ וויסטע פרעמד,
מיין געלעגער — יעדער שטיין און גרודע.

איך ליג אַ מידער אויפן וועג,
אויף דעם האַרטן הייסן ליים;
אין גלי פון זון גייט אויף פאַר מיר
מיין ווייטע בלוטנדיקע היים.

קירגיזיע

לײמיקע שטעגן
געדרײטע און שמאָלע,
בערגיקע װעגן,
תהומיקע טאָלן.

לײמענע הײזלעך,
פּלױטן פון לײם;
סעדלעך מיט עפּל,
װײַנטרױב מיט װײַן.

אַ יונגע קירגיזקע
מיט אַ קרוג אױפן קאָפּ,
מיט צעפּלעך װי בײַטשן
װאָס הענגען אַראָפּ.

און יורטעס * אױף בערג
שטאָלץ אױפגעשטעלט;
אַ פּאַסטעך מיט שעפּסן
אױף באַרגיקן פעלד.

װאָס דאַרף דען אַ פאָלק מער
צום אײגענעם גליק?
אַ לײמענע כאַטע,
אַ הילצערנע װיג.

אַ פּיצעלע סעדל,
אַ שמאָלן אריק,**
אַן אײגענעם הימל
איבער זיך — און גענוג.

* יורטעס — פּאַסטעך-געצעלטן פון צװײַגן.
** אריק — אַ שמאָלער קאַנאַל װאָס צעפירט דאָס װאַסער פון טײַך איבער די פעלדער.

הונגער

יעדן מאָל ווען איך זעץ זיך עסן
און גאָפּל־מעסער אויפֿן טיש צעקלינגען,
גייט אויף אין מיר פֿון זעטיקער פֿאַרגעסונג
דער נאָגנדיקער טעם פֿון הונגער.

אַ, ווי איך האָב געפֿילט דעם טעם פֿון הונגער,
ווען אַלע אבֿרים האָבן זיך צעזונגען:
עסן! עסן!
אַ רייף אַ בלייערנער האָט אַרומגעכאַפּט מיין פֿיבערדיקן קאָפּ,
ווי אַ צעשפּאַלטענעם, אַן אַנגעגליטן טאָפּ
און אַנגסטן הייסע האָבן מיך געגומען פֿרעסן,
און ס׳האָט געגאָגט, געגאָגט אַזוי אין מויל —
עסן!

דער בליי פֿון קאָפּ איז צעגאַנגען איבערן לייב,
מיט שווערקייט אָנגעגאָסן מיינע הענט און פֿיס,
וואָס זיינען איבעריק געוואָרן מיר ווי פֿרעמדע.
און מיינע נאָזלעכער, אָנגעשפּיצטע ווי ביי אַ חיה,
האָבן דערשמעקט פֿון ווי ווייט —
דעם קיצלדיקן ריח פֿון אַ פֿרישן ברויט.
און די הונגעריקע ציין
זיינען אָנגעשאַרפֿט געווען ווי מעסערס
גרייטע איינצובייסן זיך
אין אַן אַלטן עפּל, אין אַ וויכן פּאָמידאָר
און זשליאָקען ווי אַ קינד פֿון מאַמעס ברוסט
דאָס לעצטע ביסל פּוילנדיקע זאַפֿטן.

נאָר ערגער נאָך געווען צו זען דעם הונגער
אין אייגעלעך צעצונדענע פֿון קליינע קינדער;
געוויקלט האָבן זיי זיך אין לייב פֿון דער מאַמען,
געביסן מיט די ליפּלעך אירע אויסגעדאַרטע בריסטן,
געבעטן זיך באַזונדער און צוזאַמען:
עסן!

נישט איינמאָל האָב איך זיך געלייגט אויף שטרויענעם געלעגער
מיט הונגער אויף צוקאָפּנס,
מיט הונגער אין מיין אינגעווייד
און אויסגעצערטלט זיך אין חלום —
אַ גרויסן פרישן ברויט.

און נאָך דעם בין איך אויפגעשטאַנען
און מיט ביינערדיקע פויסטן
געשלאָגן זיך אַליין —
אַז בלוט זאָל רינען
פון אַלע מיינע הפקרע אברים.

דערנאָך בין איך צוריקגעפאַלן אויף דער ערד
און געוואַרט אויף אויסלייזונג — אויף טויט.

מיין חבר שטאַרבט

מיין חבר שטאַרבט, אין זאַמדן אויסגעצויגן,
ווי אַ זעקל מיסט פאַרוואָרפן אונטער פּלויטן;
עס לעשן זיך זיינע שטאַרע אויגן,
ווי צוויי צאַנקנדיקע קנויטן.

איך האָב געהאַט מיט אים אַ בונד געשלאָסן,
אינאיינעם האָבן מיר געחלומט און געבויט,
נאָר איצטער האָב איך אים אַליין געלאָזן,
געגאַנגען נישטערן אַ שטיקל ברויט.

דאָס איז דער יונג וואָס האָט געוואָלט דערגרייכן
די כמאַרעס מיט זיין קאָפּ געקרויזטע לאָקן;
איצט ליגט ער איינגעדרייט אין שטויב אין ווייכן,
אַז איינאונצוואַנציק־יעריקער שטאַרבנדיקער זקן.

דער טיפוס האָט אין מיטן בליען אים צעבראָכן,
ווי זשאַווער האָט צעגעסן אים די נויט;
האָט ער געשלעפּט די הונגעריקע טעג און וואָכן
און זיי דערשלעפּט — אַט דאָ צום פּלויט.

דאָס געוויין פון מיין היים

עס ברענט איצט מיין היימשטאָט און איבער די פלאַמען
דערגייט צו מיר דאָס געוויין פון מיין מאַמען
און כ׳הער אין דעם רוישן פון ווינט אויפן פעלד
דעם הילפלאָזן רוף פון מיין חרובער וועלט.

דער טאָג איז קיין טאָג נישט, די זון איז קיין זון,
אין בלוט איז דעם שעכטערס צעוויקלטע פאָן.
ער האָט שוין די האַק אנגעשאַרפט און געפּאַרט
מיט טויט און מיט בלוט און מיט שכורן מאָרד.
אַ שרפה באַגלייט אים און טאַנצט איבער דעכער
און שטייגט מיט דער רשעות אַלץ העכער און העכער.
רויט איז דער הימל אין שרפיקער שיין
און וויל נישט פאַרנעמען ס׳געוויין פון מיין היים.

. . . און איבער די גאַסן ווי אויף לויות
גייען זיי שטילע ביים שיין פון דעם פייער,
מיט הייליקע קינדער אויף הענט ווי די תורות,
פאַרלאָשן אין נאַכט ווי געשענדטע מנורות,
וואָס וועלן נאָך אויפלייכטן אין דער געשיכטע
באַווייַנטע פון פאָלק און באַזונגען פון דיכטער.

איצט שפּאַנען זיי שטילע דעם אומקום אַנטקעגן
דורך חרובע גאַסן און פינצטערע וועגן
פון אימה און שרעק, אין אייגענער שטאָט
פאַרחוזקט פון שכנים, פאַרלאָזן פון גאָט.

עס גייט דאָרט מיין טאַטע, איך האָב אים דערקענט,
ער טראָגט דאָס מוזיניקל אויף זיינע הענט.
מיין ברידערל כליפּעט, איך הער זיין געוויין,
דאָס קינד קען דעם זין פונעם טויט נישט פאַרשטיין.

ס׳גייט רואיק דער טאַטע, געבויגן און גראָ,
נישטאָ שוין קיין שרעק, קיין פּחד נישטאָ.
ער שפּאַנט אינאיינעם מיט דער הייליקער עדה
מיטן קינד אויף די הענט צו דער עקדה.

דער טויט וואַרט פאַרטייעט אין פינצטערע באַנען,
איעדער דערפילט אים, איעדער נעמט אנען;
ס׳רייסט זיך פון העלדזער — געוויין און יללה,
ס׳שטאַרבט אַפּ אויף ליפּן אַ הילפלאָזע קללה.

די חשכות פון נאַכט האָט דעם געטאָ באַוואַכט
מיט וואָלקנס פון טרויער, מיט חשד און פאַרדאַכט.
עס שטאַרן צעשראָקן צעבראָכענע פענצטער,
עס לויפן די לעצטע ווי שאָטנס־געשפּענסטער.

מיט זיי לויפט מיין שוועסטערל, ס׳צאַפּלט איר גוף
וואָס ציט זיך צום לעבן — פון תהומען אַרויף;
די צעפּלעד די שוואַרצע צעלאָזט אויפן ווינט,
די אויגן אין אימה, צעשראָקענע בלינד.
זי לויפט פונעם געטאָ צום שכנהשן פעלד
און בעטלט אַ רעטונג ביי נאַכט און ביי וועלט
ביז ס׳קומען די דייטשן, מיט וועלפישע ציין
פאַרצוקן מיין שוועסטערלס לעצטן געוויין.

אַליין איז מיין מאַמע פאַרבליבן אין שטוב —
אַ שאָטן פאַרטייעט אין קעלערשן גרוב.
זי זוכט אירע קינדער, זי רופט און זי שרייט,
עס ענטפערט די פּוסטקייט פון ליידיקער ווייט.
נישטאָ שוין קיין היים, נישטאָ שוין קיין קינד
צו וואָס זשע דאַרף לעבן אַ מאַמע אַצינד ?
פאַרברעכט זי די הענט אין פאַריאַושטן קלעם
און גייט צו די מערדער — אויף קדוש השם.

נישטאָ שוין מיין היים און מיין וועלט איז צעשטערט,
אַ יתום בין איך אויף דער גרויזאַמער ערד.
דורך ימים און לענדער איך הער דאָס געוויין
פון ליידיקע שטעט אין מיין חרובער היים.
אין וואַיען פון ווינט וויינט מיין היימישע גאַס.
איצט בין איך אַליין מיט מיין ווי און מיין האַס.

גיי אויפעט מיין צאָרן פון די אַשיקע תהומען,
ווי לאַווע צעברויזטע נעם שפּאַרן, נעם שטראָמען!
טראָג זיך מיין ווייטיק אַדורך אַלע וועלטן,
נעם ברומען, נעם שרייען, נעם צאַרנען און שעלטן
דעם מערדער און שווייגער ביים פינצטערן מאָרד.
ווי ס׳בלוט פון דעם נביא זאָל זידן מיין וואָרט
און זאָל ווי אַ פלאַם איבער וועלט זיך צעשפּרייטן
און מאָנען אַ תקון פאַר מיין פאָלק אויסגעטויטן.

וואו זייט איר געוועז?

וואו זייט איר געוועז ווען אומגליק געבייטשט האָט
אונדזערע לייבער מיט גליאיקער רוט;
ווען אונדזערע גופים זיינען געשוואָלן פון הונגער
און קויט פון די גאַסן געטריקנט האָט אונדזער בלוט? . . .

וואו זייט איר געוועז ווען מען האָט אונדז געפירט ווי די לעמער,
מיט קעפּ אַפּגעגאָלטע געוואָרפן אין אָפענעם פלאַם?
ווען מען האָט אונדז געשלעפּט אין וואַגאָנען פאַרהעמערט
און אונדז געשליידערט צום אָפּגרונט פון ים.

טרויער

און יעדן טאָג און אַלע מיינע יאָרן
וואָס ס'האָט דער גורל פאַר מיר אויפגעהיט,
פרעסן וועט אַ וואָרם — מיין זכרון,
טרויער וועט באַגלייטן מיינע טריט.

פיר קליינע קינדער, שאָף פאַרלאָזטע,
און איך דער עלטסטער און דער בכור;
ווי האָב איך זיי אַליין געלאָזט דאָרט,
די שוועסטערלעך מיט גאָלדיק־בלאָנדע האָר ?

אומזיסט וועל איך שוין איבער גאַסן זוכן
זייער אָפשיין אין אַלע פרעמדע שטעט;
עס האָט דער ווינט זייער אַש צעווייט
און אין דעם אַש איך בלאָנקע און איך טרעט.

זעקס ליכטלעך

עס האָט דער הימל היינט אַזוי געברענט,
די שקיעה — אַ גיהנום־פייער — האָט געבלענדט
איבער האָריזאָנטן בלוטיק־רויט.
אויפגעגאַנגען איז פאַר מיר זייער טויט.

איך האָב געזעצט זיך אויף דער ערד אַנידער
און אין נאַכט אין טונקעלער און שפּעטער
האָב איך שטומערהייט געמורמלט
אַלטע יידישע געבעטן.

כ׳האָב אָנגעצונדן זעקס קליינע ליכטלעך
נאָך מיינע זעקס פאַרלאָשענע נשמות;
בין געזעסן איינגעהילט אין שטומען טרויער,
ווי זיי אין יענער נאַכט, ביים לעצטן טויער.

יוגנט

יוגנט פון אָרעמע יידישע געסלעך,
וואו איר האָט די נייע חלומות ווי פענער
געטראָגן פאַרויס מיט פרייד און געזאַנגען;
איר זייט אין שטורעם געוואַקסן, געפיבערט,
געריסן פאַרויס זיך צום זוניקן מאָרגן —
און קיינמאָל צו אים נישט דערגאַנגען.

איך זע אייך נאָך איצט — ווי די דעמבעס צעוואַקסן,
מיט קרויזיקע קעפּ מיט שטאָלצע אויף אַקסל,
ווי קרוינען פאַרברוינטע פון רוישיקע וועלדער,
מיט אויגן וואו ס׳בלויען זיך פרילינג־חלומות,
הענט מוסקולירטע מיט יונגשאַפט און גבורה
און גלויביקע הערצער מיט אָנזאָג און בשורה.

נאָך שוועבט אייער אָטעם אַרום אויף די וועגן
פון שטעטלעך פאַרמעקטע, פון געסלעך פאַרברענטע
און ס׳שטאַרן די היימישע שטיינער און פרעגן:
וואו זיינען די יונגע בונטאַרן און קעמפער ? . . .

אײנער

איך האָב אײַנגעזאַפּט אין מיר
די תּפֿלות פֿון אַן אַלטער שול
און דאָס געװײן פֿון אַ בית עולם;

ס'געזאַנג פֿון טאַנצנדיקע חסידים
אין שמחת תּורה,
ס'געשרײ פֿון ייִדיש־פּױלישע יאַרידן,
דעם פֿלאַמען־קאַראַהאַד פֿון אַ האָרא.

כ'האָב אין יום כּפּור־נעכט פֿאַרנומען
די מאַמעס הײליקע געװײנען
און אַ פֿאַרגאַפּטער צוגעהערט זיך
צו רעדעס פֿלאַמיקע — אין די פֿאַרײנען.

און איצט?
איצט איז שטומעניש פֿון אַ בית עולם,
אַן אָפּגעברענטער שטײט דער בױם פֿון פּױלן
און איך בין אײנער, אײנער —

פֿון משפּחות שטעטלעך און קהילות,
שולן, בתּי תּפֿלות,
שטיבלעך און פֿאַרײנען —
בין איך אײנער, אײנער.

על פרשת דרכים

איך שטיי אין דער נאַכטיקער שעה
אין מיטן אַ שכורער שטאָט,
אין מיטן אַ וועלט וואָס גייט אונטער
אין בלוט,
אין זנות,
אין שגעון.

ווער ביסטו און וואָס טוסטו דאָ
אין דער נאַכטיקער שעה? —
פרעגט מיך דער ווינט,
אַ היימלאָזער הונט
און אַ זונה מיט ליפּן מיט דויטע.

איך זוך מײַן פאַרלוירענע וועלט,
מײַנע גאַסן די טויטע.

נאָר יענע גאַסן זײַנען מער נישטאָ,
זיי זײַנען ווייט אַהינטער מיר געבליבן;
דאָ שפּרודלט רונדאַרום מיט לעבן,
פאַרלעך קושן זיך אין יעדן ווינקל,
ווי שלאַנגען וויקלען זיך פילקאָלירקע
די נעאָנען דורכן אוונט־טונקל.

די אויטאָס שווימען איבער גלאַטיקע אַספאַלטן,
צעלויכטן רופן די צעזונגענע קאַפייען
זאָלסט אַרײַנגיין און זיך פרייען.
און דאַמעס שלײַכן דורך אין שוואַרצע פּיטערס,
אין פעלערינעס שפּאַנען מאַיעסטעטיש היטערס
פון דער פוילענדיקער רעפּובליק.
אויף קאַלטע שטיינער רוען בעטלער
אונטער דער בריק.

און איך בלאָנקע אין דער הפקרדיקער שטאָט
מיט די שטאַנס פון דעם נעכטן
און זוך אַ רמז, אַ באַשייד,
וואָס זאָל זיך אָנצינדן ווי אַ פאַקל
און ווײַזן מיר דעם וועג על פרשת דרכים.

אין שעה פון תפילה

דעם זין

אַזויפיל מאָל האָב איך שוין דורכגעטראַכט דעם זין
פון מיין וואר — און נישט געקאָנט דערטראַכטן;
איך האָב דעראנט בלויז זעלטן־ווען
אין טונקל־בלויע איינזאַמע פאַרנאַכטן.

וואו איז מיין וועג און וואו איז דער באַשייד
פאַר מיינע אומעטיקע יאָרן?
כ׳גיי אום פאַרהילט אין קלעממאנטל פון לייד,
כ׳ברען אויס אין פלאַם פון אנמאַכטיקן צאָרן.

אַמאָל דאַכט מיר: איך דאַרף אַוועק,
פאַרשטילן זיך אין איינזאַמקייט אין פרומער,
בלאָנקען ערגעץ אויף אַ שמאָלן וועג,
ווייט פון גאַסן־טומל און געיאָמער.

אַמאָל רופט אויס אַ קול: אַנטלויף נישט, שטיי!
ס׳איז פול מיט לעבן נאָך דיין יונגער אָרעם.
און ס׳ווילט זיך שרייען מיט אַ פריידיקן געשריי:
כ׳בין גרייט צום שטורעם!

אין נאַכט

ווי עמערס ליידיקע זיינען מיינע הענט
און הענגען אַראָפּ פון מיינע אַקסלען פרעמד.
כ׳טראַג מיין גוף דורך דער נאַכט פאַרשעמט,
אין ווינקלען בלאַנקע איך צווישן טונקעלע ווענט.

איך שטיי אַ נאַקעטער, פון אַלץ באַרויבט,
געשפּענסטיק גלאַצט מיר נאָך אַיעדע שויב
און נאָענט איז מיר דער שאָטן בלויז ביים זייט,
פאַרלוירן ערגעץ ווײַנט מיין פרייד.

ווי לאַנג?

אַ גאָט, וואָס האָסטו מיך אַרויסגעפירט
כ'זאָל בלוטיקן אין פּיין פון דער פאַרצוקונג
און פאַרצוקט נישט ווערן.

ווי לאַנג ווילסטו איך זאָל הייליקן
די בייטש פון לעבן וואָס יסורימט מיך,
די טעג מיינע, ווי שוואַרצע קראָען —
און וואונדיקן און דאָך באַיאָען?!

אַ תּפילה

גיב רו מיר, אָ, גאָט!
גיב רו!
צעשמעטערט פון שטורעם
איז מיין זעל;
פאַרקוילט פון יסורים
איז מיין האַרץ.

און כ׳גיי אום געשליידערט
פון טרויער און פּיין;
פאַרליכטיק מיך, האַר,
מיט דיין רו, מיט דיין שיין.

כ׳זאָל שפּאַנען אַ גאַנצער
איבער דיין ערד
דורך אַלע יאָרן
וואָס האָסט מיר באַשערט.

גיב כּוח מיר, גאָט,
כ׳זאָל קאָנען זיך פרייען
מיט מיין אָרעמען ברויט
און טרינקען ד שיין
פון יעדן פאַרטאָג
מיט ליבשאַפט,
מיט גלויבן,
מיט לויב.

אַ טאָג

ס׳וועט קומען נאָך אַ טאָג פון פרייד,
ווען ס׳וועט דער אומרו פון דיין האַרץ זיך שטילן,
און וויסן וועסטו וואו עס פירן דיינע טריט,
אַ נייעם כוח וועסטו אין זיך דערפילן.

ס׳וועט קומען נאָך אַ טאָג פון ליכט,
ווען ס׳וועלן אַלע טרערן ווערן בלויער טוי,
ס׳וועט די זון באַשטראַלן דיין געזיכט
און היילן דיינע וואונדן, ווי אַ טרייע פרוי.

ס׳מוז קומען אַט דער טאָג, גלויב אין אים,
טראָג זיין שיין אויף אַלע דיינע וועגן;
ס׳וועט קומען נאָך אַ טאָג אַזאַ צוגיין
מיט זון און היילונג דיר אַנטקעגן.

אין דעמער

כ׳וואַרף אַראָפּ פון זיך
דעם שטויב און יאָד פון טאָג;
מיד איז איצט די זון,
מידער איז מיין קאָפּ.

איך צי אַראָפּ פון זיך
דאָס אַנגעשווייסטע קלייד;
איך פאַרשטיל אין זיך
פון טאָג־געמאַרק די רייד.

און שטעל זיך שטיל ביים פענצטער
ווי אַ בוים פאַרטראַכט,
אין אוונטיקן דעמער,
אין שאָטנס פון פאַרנאַכט.

אַ רגע

ס׳האָט אויפגעלויכטן ווי אַ בליץ פאַר מיר
אַ ליכט־רגע פון היילונג.

איך בין געלעגן איינגעדרייט,
געבונדן אין די שטריק פון ווייז
און פלוצים —
אַזאַ ליכטיקייט.

אַ רגע בלויז —
און קלאָר איז מיר געוואָרן
דער זין פון מיינע טעג און יאָרן.

כ׳האָב אויפגעריסן זיך
פון דער טיפער נידער
מיט באַנייטע כוחות
אין אַלע מיינע גלידער.

און מיט קלאַמערנדיקע הענט
האָב איך די ליכט־רגע פאַרהאַלטן.

דער ליכט - אוצר

די זון זיפּט איר וואַרעם ליכט
דורך אַ זיפּ פון צווייגן, בלעטער
און ס׳רינט איר שיין מיט גינגאָלד-שטראַמעלעך
אַראָפּ אויף דער ערד.

און איך —
ווי אַ ווערעמל אינעם גראָז פאַרנורעט
ליג און וואַרעם זיך אין איר ליכט.

און ליכטיק ווערט אין מיר פון דעם געפינקל
פון ציטערדיקע שטראַלן־פעדעם
פון תכלת און פון זילבער און פון גאָלד.

איך וועל ליגן דאָ אַזוי,
שעהן־לאַנג אָט דאָ אַזוי
און איינזאַמלען דער ליכט-אוצר אין מיר
און איינזאַמלען דעם הימל־בלוי אין מיר,
ס׳זאָל סטייען מיר אויף אַלע טעג פון אומעט.

זוניקע קרוינען

נאָד טאָגיקן וואַנדער
אויף שטאָטיקע ברייטן
נעמט לעשן די זון זיך
אויף געסלעד געדרייטע.

זי זעצט זיך אויף שטיבלעד
ביי שטאָטיקע ראַנדן
און גילדט אָפּ די שייבלעד
מיט שקיעה־גירלאַנדן.

שטעל אָפּ זיך אַ ווײַלע
אין זייטיקן ווינקל
און זע ווי עס דימענדט
און זע ווי עס פינקלט.

די גאָלד־רויטע שקיעה
אויף אַלט־קרומע דעכער;
ווי ס׳וועבן די שטראַלן
אויף בוידעמס און לעכער.

דין־דינע געמעלן
פון ראָז און פון רויט —
אויף אָרימע שוועלן
וואו ס׳נעסטיקט די נויט.

פאַרנאַכט

איינגעהילט אין בלויער קלאָרקייט
פאַרגייט דער טאָג אויף גרינע פעלדער;
אַ שקיעה־פלאַם אַ בלענדיק־רויטער
ברענט אויף די שפּיצן פון די וועלדער.

אויף קרייץ פון וועגן שאָטנדיקע
וואָס שלענגלען זיך אין די טונקלע ווייטן
פאַרלאָזן ישוע שטייט מיט אויגן טרויעריקע,
מיט אָרעמס הילפלאָז אויסגעשפּרייטע.

אַ פאַרכטיקייט הילט איין דאָס פעלד, דעם וואַלד,
בלחש־שטיל וויגן זיך די ביימער
און ס'ווערט די טונקלקייט פון דעם אַרום
פול מיט סודות שאָטנדיק־געהיימע.

אין כאַטקעס קליינע צינדן אָן זיך פייערלעך
וואָס לויכטן אין דער נאַכט אַריין ווי שטערן.
אַ בראשית־שטילקייט נעמט אַרום דעם באַשאַף,
קאָנסט דאָס טיקן פון דיין האַרץ דערהערן.

אין מאַי

ווערט מיין טרויער מילדער,
איינגעהילט אין בלאָ,
ווי די בלאָע שלווה
פון דער שטילער שעה.

זעץ איך זיך אַנידער
אויפן גראָז פאַרקלערט
און איך זע די שפע
אויף גאָטס גוטער ערד.

ס׳גרינען אַלע ביימער
צום בלויען הימל-פריי,
ס׳וועט אויכעט זיך צעבליען
מיין מידער טאָג אויפסניי.

און ס׳וועלן זיך פאַרהיילן
אַלע מיינע וואונדן
און מיין פרייד וועט אויפגיין
ווי קנאָספּן אויפגעבונדן.

פרילינג - ווינטלעך

מילדע פרילינג־ווינטלעך
שפילן אויף מיט פרייד
אויף די גרינע סטרונעס
פון דער פרילינג־פלייט.

דורך אומעט־טעג פון ווינטער
געוואַרט האָב איך אויף זיי
זיי זאָלן קומען ווידער
און טרייסטן מיך אויפסניי.

זיי זאָלן מיך אויפוועקן
פון לאַנגען ווינטער־שלאָף
און שויבערן און צערטלען
מיין יונג־מידן קאָפּ.

פאַר מיר

דער ווינט האָט מיך געגלעט מיט ווייכע קילע הענט,
די גרינקייט פון די ביימער געצערטלט האָט מיין בליק
און ס'האָט געטריפט פון יעדן קלענסטן צווייגל
מיט זאַפט פון פרילינג און פון גליק.

און פעלדזן האָבן מיך גערופן מיט אַ שטום געריף
און טאָלן האָבן מיך געגרוסט פון בלויער ווייט
און כ'האָב דערזען ווי ס'האָט די ערד
אויפגעוואַכט מיט לעבן און מיט פרייד.

פאַר וועמען האָט די ערד איצט אויפגעוואַכט
אויב נישט פאַר מיר, פאַר מיר?
די זון האָט זיך געשפיגלט אין מיין אויג
און ס'האָט דער וואַלד אין שטילן ציטער זיך פאַרנויגט
פאַר מיר, פאַר מיר.
און ס'האָבן פייגל אין ווייסן פלאַטער
געזונגען שירה מיר
און אַלע קופּעס ערד און אַלע ביימער
געגאַלדיקט האָבן אין די שטראַלן פון דער זון.

און ס'האָט דער פייכטער ווינט מיר אויפגעשפּילט
דאָס אייביקע,
דאָס דויערנדיקע
ליד
און ס'האָט דער ווייסער טאָג
געקניט —
פאַר מיר
דעם קראַנקען מלך פון דער וועלט.

פאַרגיב

אַ האַרץ מיינס, נישט לאַז, לאַז נישט פאַרשטומען
די פשוטע פרייד פון דיין לויטער געמיט,
זאָל נישט דער האַס און די פּיין פאַרקרומען
און טריפן מיט סם אין דעם טוי פון דיין ליד.

און האָט דיך דער רשע פאַרשעמט און באַליידיקט
און האָט דיך דער לץ אין שפּאָט אויסגעלאַכט
און גייסט אַרום איבער די גאַסן
עלנט־אַליין אין פינצטער פון נאַכט. —

פאַרגיב אַלץ, פאַרגיב! זאָל דורך די טרערן
ווערן דיין צער געשטילט, אויפגעלייזט;
זע: עס לויכטן אין נאַכט די שטערן,
זיי טראָגן אין זיך דעם סוד פון דער טרייסט.

אַ לויב צום לעבן

אין שטילער שטומעניש פֿון איינזאַמקייט און פּיין
זינג איך אַ לויב צום לעבן, אַ לויב, אַ לויב!
און דער וואָס הערט דאָס ברומען פֿון דער ווייסער טויב,
צו דעם איז מיין געזאַנג פֿאַרטרויט.

דער טאָג איז קלאָר און פֿריילינגט מילד און העל
און קינדער שפּילן פֿריי זיך אויפֿן גרינעם פּליין;
ביסט ווי אַ יונגע כלה, וועלט,
אייביק ניי און שיין.

ספר תהלים

אַז כ׳קום אַהיים ביינאַכט אַ מידער,
און פאַל אַוועק אין ווינקל אויף מיין בעטל —
דעמאָלט עפן איך דאָס ספר
מיט געזאַנגען פון דעם קעניג דוד,
וואָס איז געלאָפן איבער וועגן
פון שנאה און פון טויט געיאָגט.
דעמאָלט נעמט דאָס אייז פון האַרץ אויפטייען
און מיינע אויגן ווערן פייכט פון טרערן.
אַ, ווי ס׳צערנט אַלע דיִ רשעות
און דער וויי גייט נאָך אויף אַלע וועגן.

און איך פליסטער שטיל אַריין אין ספר:
מלך דוד! כ׳בין ווי דו געשלאָגן
און באַקרוינט מיט פּיין און דערנער
און איך וואָגל איבער שטעט און לענדער
אין געלויף פאַרן בייזן צערנער.
אַ, גיב מיר כּוח ווי דו צו גלויבן,
דעם וואָס אייניציק־איז צו לויבן,
אין נעכט אין שטורעמדיקע
שטאָמלען זאָל צו אים מיין תּפלה
אין אוממעכטיקייט אין שטילער.

דער גוטער מענטש

דעם גוטנס רייד איז קילע באַלזאַם־היילונג,
דעם גוטנס אויג איז פול מיט רחמימדיקער בלוי;
ווי דינער שאָרך פון גראָז — זיינע ווערטער
און ס׳פאַלט אויף דיר ווי פרימאָרגנדיקער טוי.

ווי וואָלט איך שעהן־לאַנג געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער
און צוגעהערט זיך ווי אַ קינד צו זיינע רייד,
ביז ס׳וואָלט מיין ביטערניש אין מיר צערונען
און רעגנבויגנדיק אויפגיין וואָלט מיין פרייד.

נישט בלויז

נישט בלויז דער פרילינג וואָס קומט אויף מיט בליאונג
און שטראַלט פילקאָלירנדיק אויף פעלדער פּאַרזייטע,
נאָר אויך דער האַרבסט מיט די ברוגזע ווינטן
מיט בלעטער פאַראַבלט אויף וועגן צעשפּרייטע —
איז ליכטיק און שיין.

נישט בלויז די שעהן, די רגעס געבענטשטע
ווען ס׳ליכטיקט און העלט זיך דאָס פלעמל פון גליק,
נאָר אויך די טעג פון עלנט און טרויער
וואָס בינדן אין קלעם ווי מיט שניידיקע שטריק —
אויך זיי זיינען דיין.

אַ שטערן אין דער נאַכט

כ׳בין שוין אַריבער אַלע ברעגן
פון עלנט און פון טרויער און פון האַס.
עס זיינען אָפּגעזענקט געוואָרן מיינע פליגל
און איינגעפאַלן ליגן מיינע וועלטן;
אויף מיינע מידע, ברענענדיקע שלייפן
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָטס גרויסער גזר.

איך בין אַנטרונען און אַנטרונענדיק געשלייכט
ביי אָפּגרונטן משונהדיקע, קרומע.
איך האָב אין זיי אַריינגעבליקט און ס׳האָט געפינצטערט
מיין וועזן ווי אַ שפּיגל אין דער נאַכט.

און ס׳האָט אַ פייער זיך אין מיר צעצונדן,
געברומט האָב איך מיט לייב און בלוט — אַנטקעגן גאָט,
אַנטקעגן זיך אַליין — זיין ערדישע יצירה
וואָס בראָדיעט איבער ערד מיט שרעק און האַס.
און כ׳האָב געוויקלט זיך אין בראַנד, אין וואונדן,
געריסן שטיקער פון מיין לייב און צער,
ביז איך בין אָוועקגעפאַלן אין אַנמאַכט
אינמיטן פעלד אין שטערנלאָזער נאַכט.

און דעמאָלט ערשט האָב איך דערפילט אים
דעם גאָט דעם דאַיקן פון מיין פּיין,
דעם גאָט פון אונדזער קראַנקן זיין,
וואָס אייביקט איבער אַלץ אַזוי גרויזאַם־ליכטיק.

און מיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן בעטן,
גערופן ממעמקימדיק, פון טיפסטער טיף,
און מיינע אויגן האָבן זיך געעפנט,
ווי קוואַלן ווי פאַרבאַרגענע מיט ריינסטע טרערן.

און כ׳האב געבעטן זיך ביי אים:
„א לאז מיך נישט אין דער נאכט אליין
מיט הענט מיט אויסגעשטרעקטע צו די הימלען
גליווערן אין שאטן פון פארגיין.
אויב איך בין דא, ווי א טייל פון דיר,
געפורעמט פון דיין האנט, אין דיין געשטאלט
מוז איך דאך זיין, דורך זינד און פיין
ליכטיקן ווי די זון און שטערן . . ״

און דעמאלט האט צעלויכטן זיך פאר מיר
א פינקלדיקער שטערן אין דער נאכט.
און כ׳האב דערהערט ווי ס׳ריידן גראזן,ביימער
און אייביק מורמלעניש, א שטורם גערייד.
און כ׳האב דערהערט דאס פריידיק־יאמערדיק געזאנג
פון דור־פארגאנג און פון דור־אויפגאנג.

און ווי דער טוי וואס האט אויפגעפרישט אין דעם באגינען
איז אויפגעגאנגען אין מיר — א ריינער טאג.
און ס׳האבן זיך צעזונגען מיינע טריט
אויף דער גרויער פייכטער ערד.

און ווידער

און ווידער וועל איך זינגען אַ געזאַנג
פאַר דעם שלווהדיקן שטילן טאָג,
פאַר דער זון וואָס האָט אַזוי ליכטיק היינט
מיט אַלע פאַרבן זיך צעשפּילט, צעשיינט.
און אין דער גריגער שיינקייט, אין דער רו,
פאַראַן ביסטו! פאַראַן ביסטו!
אין דעם ליכט וואָס גייט אויף און פאַרגייט
אין דער העלער קינדערשער פרייד
פון קינד וואָס שפּילט זיך אויף דער באַנק,
אין דעם אומרו-ליד אין מיר וואָס מאַכט מיך קראַנק
אין די טראַפּנס פרייד, אין דעם נאָגנדיקן צער —
זע איך דיך מיין האַר!

יעדער טאָג

ס׳גייט אויף פאַר מיר יעדער טאָג
ווי אַ הייליק וואונדער
און יעדן טאָג ווער איך אויפסניי געבוירן.
און טרעט מיט גרינגע טריט
אויף גרויען שטויב פון ערד
און גיי מיט אויגן אָפענע
אַנטקעגן ווייסן וואונדער פונעם טאָג.

דאָס בוך פון לעבן

איך לייען דאָס בוך פון לעבן
אין איילעניש, אין שטענדיקן געיעג.
ווי בלעטער אויפגעמישט אין ווינט —
פלאַטערן מיינע טעג.

גיך ווערט ס׳מעשהלע פון לעבן
קומען צו אַ סוף;
און בלייבן ווערט אויף בלעטעלער פאַרגעלטע
אויך מיינס אַ סטראָף.

פון תהלים

אײדע מאַזן

אַזוי האָב איך אַרויסגעלײענט פון תהלים:
און װאױל איז דעם מענטש,
װאָס גײט אין דעם װעג פון גערעכטע,
דעם גלײַכן, דעם ליכטיקן װעג פון גערעכטע.
זײַן לעבן איז גלײַך צו אַ בױם װאָס שטאַמיקט
מיט זאַפטיקע װאָרצלען בײַ װאַסערן קלאָרע.
די בלעטער װאָס שפּרײטן זיך ברײט און צעװאַקסן
קושט אױס די זון מיט מאַמישער ליבשאַפט.
זײ זײַנען די טרײַע באַשיצער פאַר מידע,
פאַרשמאַכטע אין װאָגל, אויף חמימהקע װעגן,
װאָס זעצן זיך שטיל אונטער דעם שאָטן
און זופּן פון קלאָרן קװאַליקן װאַסער
און בענטשן דעם קװאַל און דעם בױם מיט די בלעטער
און דעם װאָס רוט איבער אַלעם.

מ י י ן ג אַ נ ג

אייביק־ניי איז מיין גאַנג אַט אַזוי —
מיט די אויגן אין הימלען געווענדט.
און דורך וואַלקנשע שלייערן ווייסע
צום אין־סוף, צו דעם אייביקן סוד,
צום טיפסטן און לעצטן יסוד.

אייביק־ניי איז מיין גאַנג אַט אַזוי —
מיט טויאיקער בענטשונג צו אַלץ:
צו דעם פעלד מיט די שטילינקע בלומען,
צו דער נאַכט אין איר איינזאַמען שטומען
און צום פשוטן ברויט מיטן זאַלץ.

ז י נ ג ע ן

לידער פון זון און פון רעגן,
לידער פון פעלד און פון פריי;
זינגען און זינגען — נישט פרעגן!
זינגען און זינגען אויפסניי.

די זון שיינט אויף יעדן פרימארגן
און גאָלדיקט די אָרעמסטע שוועל;
זינגען און זינגען — נישט זאָרגן!
זינגען פון טרייסט און פון העל.

זינגען פון בלויען באַגינען,
פון שקיעה אין פורפורנער רויט;
פאַראַנען אין אַלעם אַ זינען,
אפילו אין גרויזאַמען טויט.

וואָס קאָן נישט דאָס לעבן באַזיגן
אין איר אייביקן, גלייביקן גאַנג;
איבער אונדזערע פּאַריתומטע וויגן
גייט אויף פונסניי אַ געזאַנג.

צום קוואַל

נ ע מ י

אויף די פעלדער פון מואב
ווייעט הפקר דער ווינט;
עלנט גייט דארטן נעמי
אַן אַ מאַן, אַן אַ קינד.

זי גייט צוריק קיין בית לחם
פון דער וויסטער פרעמד;
דאָרט האָט גאָט זי געשטראָפט,
און זיין צאָרן פאַרלענדט.

איר מאַן — אלימלך,
אירע זין — צעדרען צוויי
און געלאָזן זי איינע
מיט זייער אַלעמענס וויי.

ווי אַ בעטלער געבויגן,
אַן אַ היים, אָן אַ שוועל
און אַ ביטערניש טונקלט
אין איר צעריקער זעל

רופט איר מערער נישט נעמי,
רופט איר מרה אַצינד,
ווייל פון ווייטיק און צער
איז זי גרוי שוין און בלינד.

ביי איר זייט גייט מיט רות,
ווי אַ שטילע לאָם,
אירע אויגן פינקלען,
ווי צוויי פערל אין פלאַם.

און זי פליסטערט און בעט זיך
אין אַ שטילן געוויין:
„אָ, מיין נעמי געטרייע,
גלייך מיט דיר וועל איך גיין.

דאָרט וואו דו וועסט אָנקומען
דאָרט וועט קומען מיין טראָט,
דיין פאָלק איז מיין פאָלק
און דיין גאָט איז מיין גאָט.

וואו וועסט רוען אַ מידע
וועל איך זיין ביין דיין זייט
בלויז אין אייביקן קבר
וועלן מיר ליגן צעשיידט״.

ס'האָבן טרערן געדימענט
אין די טיפע שוואַרצאַפּל
און איר לייב ווי אַ ווערבע
אין ווינט האָט געצאַפּלט.

און נעמין איז פּלוצים
אַזוי ליכטיק געוואָרן,
אַזאַ הייליקע ליבשאַפט
האָט פאַרלאַשן איר צאָרן.

ווי אַ קינד האָט זי רותן
מיט די הענט אַרומגענומען
און געקניט האָבן ביידע
אין ליבשאַפט אין שטומער.

אדע צו די פּשוטע יידן

מלך ראַוויטש און רחל אייזענבערג —
מיט פריינטשאַפט

מיט אַלע מיינע אברים, מיט מיין גאַנצן זיין,
פונקט ווי אַ בוים וואָס וואָרצלט אין שוואַרצערד אַריין,
בין איך צוגענאַפּלט, צוגעקנופּט צו אייך —
פשוטע יידן.

ווי אַ קינד וואָס קלאַמערט זיך אָן מאַמעס קלייד
ס'זאָל נישט פאַרלירן זיך אין פרעמדער ווייט,
אַזוי האַלט איך זיך אָן אין אייך,
פשוטע יידן.

עס מעגן פיינשמעקער זיך שפּעטן, האַלטן גרויס,
נאָר מיר איז ליב דער ריח פון אייער שווייס,
מיר איז ליב די גרויע וואָך, די יאָך
פון פשוטע יידן.

נישט איינמאָל האָב איך אויך געזינדיקט שוין מיט דעם:
געשליידערט מוסר־רייד, געכמורעט בייז מיין ברעם,
געמורמלט מיט פאַרדראָס, גערופן אייך, געוועקט,
פשוטע יידן.

נאָר איצטער וועל איך אויסטאָן מיינע שיך
און אָפּוואַרפן אַלע מוסר־רייד פון זיך
און באָרוועס עולה־רגל זיין
צום פשוטן יידן.

און זיכער בין איך אַז דאָרטן ביי אים
ליכטיקט נאָך אַ ניצוץ פון בעל־שם
און אין זיין אָרים־שטיבל די שכינה רוט
צווישן פשוטע יידן.

און אויב עס איז מיר עפּס נאָך באַשערט
אויף אונדזער טרויעריקער ערד,
וויל איך אַרומגיין פרומערהייט
צווישן די פשוטע יידן.

יידיש - וואָרט

און וויפל כ׳זאָל נישט זוכן
אין דעם מאַרק־טומל פון טאָג —
אַ טראָפּן טרייסט,
אַ ברעקל פרייד,
אַ פּיצל אָנשפּאַר,
מוז איך סיי־ווי אַנטלויפן
מיט ברענענדיקע שלייפן.

וואו זאָל איך לויפן, וואו
אין וועלכע וייטן?
ווער וועט מיך דאָרט באַגעגענען
און ווער וועט דאָ באַגלייטן?
געבליבן נאָר איין לעצטער פּאָרט —
דאָס שטילע, טרייע יידיש־וואָרט.

וואָס האָב איך מער ווי אָט דאָס וואָרט,
מיין ליכטיקן באַגלייטער?
איך שטייג מיט אים אַרויף אין הויך
ווי אויף יעקבֿס לייטער.
וואָס האָב איך מער ווי יידיש־וואָרט —
מיין וועלט,
מיין טרייסט פּאַרווייטע.

ס׳איז יעדער אות אין יידיש־לאַנד
אַ הימל און אַ תהום גלייכצייטיק
און יעדעס וואָרט — אַ גאַנצע וועלט
פון פּיין און בראָד און ווייטיק.
און טרייסט איז דאָרטן אויכעט דאָ,
אַוודאי —
שטערנדיקער הימל־בלאָ
אויף וועגן נע ונדע.

א. מ. ווייסנבערג

עס האָט דיין וואָרט געשמיסן און געבענטשט,
ס'איז דיין וואָרט געווען ווי הייס-צעגליטער פלאַם;
דו האָסט אויסגעזונגען דאָס געזאַנג פון הארעפּאַשנעם מענטש,
די גבורה פון זיין יאָדערדיקן שטאַם.

ס'האָט אויפגעאָטעמט דיין „שטעטל" מיט נייער קראַפט
וואָס האָט פון טיפענישן גענומען אַרויסשפּאַרן;
דו האָסט אַרויסגעכשופט דעם פּיין, די שטילע צערן
פון קריינדעלן וואָס ווערט צעטראָטן ווי אַ בלום אויף דר'ערד.
(נישט געוואוסט האָסטו, אַז אַלץ וועט ווערן דאָרט צעטראָטן,
אויך דיין זשעלעכאָוו וועט ווערן אויסגעריסן און צעשטערט)

צוזאַמען מיטן זקן וואָס וואַרפט אַ שטיין אין עושרס פעלד,
האָסטו אַ שטיין געוואָרפן אין רשעות פון דער וועלט
און ביסט אַוועק צו זיין מיט זיך אַליין,
פון טיפער אייביקייט דערהערן דאָס געוויין.

האָבן זיך געצויגן דיינע שטאָלצע טעג
אין טרויער איינגעהילט
ביז ס'האָט דער טויט אַרום דיין לייב אַ נעץ פאַרוועבט
און דיין האַרץ אויף אייביק איינגעשטילט.

דער מאַן פון ליד

אויפן קבר פון י. י. סיגאַל

אין אַ שמאָלן ארון רוט דער מאַן פון ליד,
דער ריטער איידעלער פון וואָרט און קלאַנג;
פאַרלאָשן האָט דער טויט זיין וואַכיק האַרץ
פאַרשטומט אינמיטן איז געוואָרן זיין געזאַנג.

פונקט ווי די בעטלער זיינע, די שטילע, הייליקע,
מיט שטריק פאַרגאַרטלט אַרום דיך און לענד,
האָט ער פאַרגאַרטלט זיך מיט לידער יידישע,
געמורמלט זיי ווי תפלות צווישן טונקעלע ווענט.

פון אַ קלייזל אויף דער שטילער ארימגאַס,
וואו ס׳זיצט אַ זקן ווי אַ ווייסע טויב
און זינגט אַריבער דער צערעשטער וועלט
פון ספר תהלים — צום אַלמעכטיקן אַ לויב.

אַזוי האָט ער, דער דיכטער, רעגנבויגנדיק,
געזונגען צו זיין פאָלק אויף דעם געמאַרק:
„דו ריינע טויב! דו שאָף צווישן וועלף!
דו שוואַכקייט און געפאַלנקייט — זיי מונטער, שטאַרק!״

אין די נידערגעסלעך פון דער גרויער וואָד
האָט ער געפירט מיט זיך אַן אייביקן וויכוח!
„וואָס ווילסטו, יעקב-יצחק, מער ווי ס׳גאָלד פון ליד
פון ארימאַן און בעטלער, דערלייזער און משיח?״

נעם בעסער און זינג אויף אַ לויב-געזאַנג אַ נייס,
בענטש נאָך אַ מאָל גאָטס גרויסע וואונדער —
די מילדע זון אין פריער פרילינג-שיין,
די אויגן ליכטיקע פון קליינע קינדער.

אונדזער יוגנט

די קינדער זיי וואַקסן דאָ שלאַנקע,
ווי דעמבעס באַזוניקט אין וואַלד;
זיי שפּאַנען דאָ פריידיק און זאָרגלאָז
אַוועק פון אַ וועלט וואָס איז אַלט.

ס׳איז די צונג זיי געוואָרן פאַרגויישט,
נאָר אין אויגן — אַלט־יידישער פלאַם;
ס׳וועט אויפגיין אין זיי אונדזער גלויבן,
ס׳וועט בליען מיט זיי אונדזער שטאַם.

דיין פּערז

א. סוצקעווער

דיין פּערז איז אַ האַרף, די סטרונעס — שנירן בלוט,
און יעדער קלאַנג שניידט איין זיך טיף אין דער נשמה;
דו וויינסט נישט אויפן קול, נאָר דער גרויסער צער
שפּיגלט אָפּ זיך אין דיין וואָרט ווי אין אַ ברונעם.

איך טרינק מיט דיר אינאיינעם ס׳ביטערע געטראַנק —
די בראַך פון היים מיינער פאַרטיליקט אין דער שחיטה
און אין מיין בלוט זינגט דאָס פאַרשניטענע געזאַנג
פון יידיש-פּוילן און פון ירושלים דליטא.

צום קוואַל

פאַרגייען זיי איינציקווייז, שטילע,
איינזאַם, אין עלנט אין גרויער;
באַגלייט זיי דער אומעט דער טרייער,
דער איידעלער טונקעלער טרויער.

איינגעשטילט ווערט זייער ניגון,
דער ניגון פון לעצטע כלי־זמרים;
פאַרשאַטנטע שטייען אין ווינקלען,
ווי אַלטע מצבות — די ספרים . . .

ס׳וועט ווען אַ וואַנדערער קומען
פון טומל־געמאַרקן אַ מידער
און צופאַלן ווי צו אַ היילונג
צום איינזאַמען קוואַל פון די לידער.

און וואַכן וועט נאָך וואו אַ ייִנגל
מיט גלויביקע אויגן, מיט אייפער.
און אויסזינגען וועט ער אין בענקשאַפט
דעם ניגון פון יידישן ספר.

בטחון

אין אַ חדרל אַ טונקלס
אין אַ חרובער פֿאַרוויסטער שטאָט,
פֿלעמלט דאָרט אַ ליכטל אין אַ ווינקל,
אַ מנין יידן זיצן אין אַ ראָד.

אין מיטן שטייט אַן אויסגעצערטער יונגער לערער
מיט ציטעריקן קול, מיט לייכטנדיקע אויגן:
„... ס׳האָט טיטוס — דער פֿינצטערער צעשטערער
דער גייסט פֿון אונדזער פֿאָלק נישט איינגעבויגן.
און בן־זכאי — אויף חורבן און אויף בראָד
האָט געשמידט דעם פֿאַנצער פֿון אמונה און בטחון.
איצט ליגט אַ וועלט אין חורבות איינגעבראָכן,
מוזן מיר אויפֿסניי אויפֿהויבן
דעם אַלטן סנידיקן גלויבן״.

שווייגן יידן און זיי שאָקלען מיט די בערד
און זייערע פּנימער — שוואַרץ ווי ערד.
אין אַ חרובער פֿאַרוויסטער שטאָט
אַ מנין יידן זיצן אין אַ ראָד.

מײַן יחוס

עס איז מײַן יחוס
פֿון אָרימקײט רײנער;
אַן אײדעלע גזע
פֿון שטילע אביונים.

מײַן זײדע געװען איז
אַן ערלעכער שוסטער;
געתהילימט אינאײנעם
מיט ײדן מיט פּראָסטע.

מײַן טאַטע האָט שטיװל
אַ גאַנץ לעבן גענײט;
אַן אביון אַ שטאָלצער
מיט דלות באַקלײדט.

מײַן מאַמע — אַ שטילע
מיט אײדעלן טרויער,
אין שװערער פּראַצע
דורך װאָכן דורך גרויע.

זעקס קינדערשע קעפּלעך
געצװאָגן און געקרויזט;
געװען איז דאָרט הײמלעך
אין אָרעמען הויז.

און איך, דער לעצטער,
פֿאַרבליבן פֿון בראָד,
טראָג שטאָלץ אויף די אַקסלען
די אָרימקײט־יאָד.

דאָס ליד פון דער נויט

וועל איך זינגען דאָס ליד פון דער נויט,
זי איז אייביק, זי איז אוראַלט די נויט;
אין מצרים האָבן קנעכט אויסגעבויט
פּיראַמידן, קאַנאַלן און ווענט —
וועל איך זינגען פון קנעכטישע הענט.

וועל איך זינגען ס׳געזאַנג פון דער נויט,
וואָס איז צאַרנדיק און שאַרף ווי אַ האַק,
ווען עס שטייגט פון איר טיף אַ ספּאַרטאַק
און צעטרייסלט דעם סדום ביזן גרונט —
וועל איך זינגען פון נויט און פון בונט.

וועל איך זינגען דאָס ליד פון דער נויט
אין געבויגן-הכנעהדיקער שטיל,
ווען עס טריפט פון די אויגן איר טרער
און דער כוס ווערט פולער און פול —
וועל איך זינגען פון נויט אין דער שטיל.

וועל איך זינגען ס׳געזאַנג פון דער נויט,
וואָס האָט מיך פון וויגל באַגלייט
און געשפּרייט מיר אַ טעפּיך פון לייד
און מיך געאיידלט און מיך געשטילט,
מיט חלום געזעטיקט, מיט טרויער פאַרהילט.

וועל איך זינגען דאָס ליד פון דער נויט,
פון דער נויט וואָס איז איידל און דין,
פון דער נויט וואָס איז גרוי ווי אַ שפּין
און פאַרשפּינט מיט אומזעבאַרע שטריק
דיין גורל, דיין לעבן, דיין גליק.

וואונדערשטאָט

וועסט נישט פאַרשטעלן, וואונדער־שיינע שטאָט,
מיט רחובות פון בולוואַרן און פּאַלאַצן
די נויט —
וואָס נעסטיקט אין דיינע ענגע געסלעך,
אין טונקעלע האָטעלן, בוידעם־שטיבלעך,
וואו ס׳צאַנקן מענטשן אויס
אין פינצטערקייט, אין עלנט און אין קויט.

און אויסקויפן וועסטו נישט וואונדער־שטאָט,
מיט דיינע שיינבילדער און איידעלע סטאַטועס —
די שאַנד פון יונגע זונות,
וואָס שטייען אויסגעשטעלט אויף די בולוואַרן
אינמיטן פרילינגדיקן טאָג,
גרייטע צו פאַרקויפן יעדן דורכגייער
דאָס אייגן־קראַנקע לייב.

כ׳וועל

כ׳וועל זיך ברידערן מיט די לעצטע שבלעצטע,
מיט די נידעריקע ,מיט די שטומע,
מיט די געבויגענע און קרומע,
אַ טרעמפּ, אַ שלעפּער, אַ קלאַשאַר,
אַ פאַרשעמטער נאַר —
וועט מיין חבר זיין.

וואו נאַר אַ געפאַלענער,
געשלאָגענער, פאַרפאַלענער,
וואו נאַר נויט און פּיין —
וועל איך זיין.

דער אַלטער קלאַשאר

וואַס טראַכט איצט דער אַלטער פאַרשוואַרצטער קלאשאר
ביים פענצטער דעם פולן מיט שפייז און מיט ברויט,
צי וועגן דער שפע וואַס ליגט דאָרט פאַרשפאַרט,
צי וועגן דער אייגענער ביטערער נויט ? . . .

עס מאַכט איצט דער גרויער צעקנייטשטער קלאשאר
אַ חשבון אַ שטילן מיט זיך און מיט וועלט;
אַרום אים דער פריידיקער זאַטער בולוואַר,
און אים איז געבליבן די שטאַטישע פרעמד.

ברויט און זון

ווער ס׳בענקט נאָך אַ ברויטל פון קימל
און ווער — נאָך אַ לייוונטן קלייד;
ווער ס׳בענקט נאָך אַ ברעקעלע הימל
און ווער נאָך אַ טראָפּעלע פרייד

זאָל זינגען מיט אונדז דאָ אינאיינעם,
זאָל טראָגן דאָס נייע געזאַנג:
ברויט און זון פאַר אַלע היימען,
ברויט און זון — אונדזער פאַרלאַנג.

מאין יבוא?

אין מיטן נאַכט, אויף פרעמדע וועגן,
גייט יעדער איינער און אַליין;
די ערד איז פול מיט בלינדע תהומען,
די נאַכט איז פול מיט אימה און געוויין.

פון אַלע זייטן פלייצט די רשעות,
צעבראָכן ליגן אַלע געטער,
פון אומעטום שטייגט דער אומגליק
און די האַק — ישניידט און שמעטערט.

אויף אַלע פעלדער קראַקן קראָען,
און ס׳בלאַנקן מענטשן אין געוויטער,
ווי סטאַדעס אויסגעמישטע אין דער פינצטער,
אָן פּאַסטוכער, אָן היטער.

מאין יבוא? פונוואַנען וועט ער קומען
דער אויסלייזער, דער גואל־רעטער;
ווער וועט אָנצינדן אויפסניי די הערצער
מיט רחמים אין דער שעה דער שפּעטער?

ממעמקים

קום צו אונדז, גיי אויף
אין דעם טרויער־טאָל,
מיט דיין פייער־וואָרט,
ווי אין אוראַלטן אַמאָל.

קום און זיי מיט אונדז,
לינדער אונדזער לייד;
טרייסט אונדז מיט דיין וואָרט,
שטראָף מיט דיינע רייד.

קום און העלף אונדז, העלף,
מיר זיינען מיד און קראַנק;
נעם צינד אָן אין אונדז
אַ ניי און ריין געזאַנג.

קום באַניי מיט אונדז
דעם ברית, דעם אַלטן בונד;
קום און לייטער אונדז
פון שווערער פיין און זינד.

קום

ווי אַ בעטלער וואָס שטייט ביי דער טיר
און וואַרט אויף זיין אָרעמברויט שטום,
אַזוי וואַרט איך, אַזוי בעט איך ביי דיר:
קום, אויסלייזער, קום!

און מיט מיר שטייט אַ מחנה, אַ ריי
פון בעטלער בלינדע און קרומע
און זיי ברומען פאַרשטיקט אַ געשריי:
אַ, ווען וועט דער אויסלייזער קומען?!

די לייבער — אין וואונדן און קרעץ
וואָס בעטן אַ היילונג און תקון
און די פינצטערע שרעק ווי אַ בייטש
בייטש איבער נאַקעטע רוקנס.

און איך בייג זיך צוזאַמען מיט זיי
אַנגסטיק־צעשראָקן און פרום
און מיר ברומען פאַרשטיקט אַ געשריי:
קום, אויסלייזער, קום!

דאָס לעצטע געוויין

די שנאה האָט אַלץ צוגעגרייט שוין
צום מאָרדשפּיל דעם בלוטיקן, וויסטן;
נאָר אונדזערע ערלעכע הענט
ווילן קיין בלוט נישט פאַרגיסן.

עס שטייען משחיתים שוין גרייטע,
זיי וועלן פאַרלעשן די שטערן;
בלויז מיט אַ לעצטן געוויין
איז זיך געבליבן צו ווערן.

לאָמיר אַרויסגיין אין גאַסן,
באַלייגן די וועגן, שאָסייען;
זאָל אונדזער געוויין צעטרייסלען
אַלע וועלט-געבייען.

די עופּהלעד קליינע און שוואַכע
טראָגן פאַרויס אין גאַנג
און קאַליקעס, קראַנקע און זקנים
מיט תפלות און פרומען געזאַנג.

מיט ליכטער מיט שוואַרצע געצונדן,
אין ווייסע תכריכים געקליידט;
אַזוי זאָל זיך ציען די פּראָצעסיע
איידער בן־אדם פאַרגייט.

איבער לענדער און קאָנטינענטן,
איבער דערפער און איבער שטעט;
מיט זעלבער געוויין און יללה
און מיטן זעלבן געבעט.

ביז ציטערן וועלן די גרונטן
פון אונדזער פאַרמשפּטער ערד;
ביז ס׳וועט די תפלה די לעצטע
אויפגיין און ווערן דערהערט.

ח ל ו צ י ם

איך וועל זינגען אַ ליד
פאַר די וואָס האָבן די יסודות אויפגעבויט,
פאַר די וואָס האָבן קעגן טויט
געשטעלט ווי וואַנט זייערע יונגע ברוסטן.
דאָס בלוט וואָס האָט אין הייסן זאַמד אַפּגעפּליצט
איז אויפגעגאַנגען אינעם גאָלד פון ווייץ,
דער שווייס וואָס זומפּן האָבן איינגעזאַפּט
האָט אויפגעשפּראָצט מיט נייער לעבנסקראַפט.
ס׳איז שטאָלץ מיט זיי איעדעס קינד פון פאָלק,
פון זייער גבורה וועלן דורות זיך דערציילן
און ס׳וועט אויף ליפּן טראָגן זיך דאָס ליד
פון יענעם דרייסטן שטורעמדיקן דור
וואָס האָט דעם דורותדיקן חלום
אויסגעזונגען אויף דער וואָר.

ע ו ל י ם

גליאיקע ערד! אוראַלטע זאַמדן!
מיר טראָגן צו אייך זיך פאַרוואָגלטע, מידע,
נעמט אויף אונדז צוריק פון די עלנטע פרעמדן,
היילט אויס און מאַכט גאַנץ די צעבראָכענע גלידער.

מיר קומען פון לאַגערס, פון געטאָס, פון בונקערס —
שליחים פון עדות פאַרשטומטע אין גריבער;
מיר זיינען דער קרבן, מיר זיינען די עדות,
וואָס האָבן ביים ראַנד פון דעם לעבן געפיבערט.

הינטער אונדז איז בראַנד און קראַקן פון ראָבן
אויף פעלדער מיט טויטע אין קברים פאַרגראָבן,
אַ תהום איז די היים, פאַרזונקען אין שענדונג
דער נעכטן איז וויסטע און הוילע פאַרלענדונג.

און מידע מיר גייען, געבויגן פאַרמאַטערט,
צוריק, צוריק פון מבול, פון קראַטער.
נעמט אויף אונדז אויפסניי פון אַלע פרעמדן —
לעצטע און איינציקע אייגענע זאַמדן.

נעמט און זויגט אויס אַלע פינצטערע שרעקן
און גיסט אונדז צוריק אַן מיט העלקייט באַשטראַלטער;
ברויזט אויף פון דער טיף די פאַרבאָרגענע קרעפטן,
וואָס ליגן אין אונדז פאַרבאָרגן, באַהאַלטן.

גיט צוריק אונדז דעם שאָטן פון ביימער און פלאַנצן,
דאָס צייטיקע גאָלד און דעם זאַפט פון מאַראַנצן,
פאַרבינדט אונדז מיט טוי און מיט פייגל-געזאַנגען
מיט גרינקייט פון טאָל און מיט זונען־אויפגאַנגען

און זייט אונדזער טרייסט און זייט אונדזער רעטונג,
אין שעהן אין לעצטע פאַרנעמט אונדזער בעטונג.

אין לאַנד פֿון די אבות

דאָרט האָט מיין שוועסטער די חלוצה
אין דעם אויפגעוואַכטן חולה-טאָל
אויפגעבערענגט אַ נייעם דור —
דריי זין, דריי יונגע צעדערביימער.

און מיין מומע פֿון דעם געטאָ־לאַנד
וואָס איז געלאָפן דורך אַ פייער־בראַנד
מיט קינדער צוויי אויף אירע הענט
דורך דער נאַכט פֿון מאָרד און שריפה —
האָט אויפגעבויט אויפסניי איר היים
אויף דער גאַרטן-גאַס אין חיפה.

כאָטש איך האָב דאָרט נישט געאַקערט
אין זונען־גלי אַ זאַמדיק פעלד,
(איך האָב בלויז עלנט אַרומגעבלאָנקעט
איבער אַלע ווייטן פֿון דער וועלט)
דאָך וועל איך אויכעט קומען פֿון דער פרעמד
מיט פרייד אין האַרצן און נישט פאַרשעמט.

און כאָטש עס וועט שוין זיין
מיד מיין טראָט פֿון עול און פיין,
מיד דאָס האַרץ פֿון צער און וויי —
נאָר קומען וועל איך סיי־ווי־סיי.

עם ישראל

אויף אַלע ערד־טיילן האָסטו שוין געהויזט,
וואונדער־וואַנדער פאָלק ישראל!
און אַלע גערטנער האָסטו אויפגעבליט
און אַלע וועלט־שליאַכן געצייכנט מיט דיין בלוט.
אפילו אין דיין געפּאַלנקייט ביסטו גרויס,
אין דיין געבראָכנקייט — גאַנץ און ריין
און אין דיין קרומקייט ביסטו אַלץ נאָך הייליק־שיין.

אין אוראַלט־צייטן האָט שוין אויפגעבליט דיין רום
דורך אַלע דורות ביסטו אין פּיין געוועזן גרויס,
אין אַלע פרייהייט־שטורעמס האָסטו אויפגעברויזט
דו ביסט דער פלאַמענדיקער עמוד־אש
און וויפל ס׳זאָלן דיינע פייניקער נישט צערענען
וועלן זיי דיך נישט איבערוועלטיקן.

מי כמוך, ווער קאָן גלייכן זיך צו דיר,
אייביק פאָלק ישראל ?
פון דיינע טיפענישן האָט אַרויסגעקוועלט
נבואה־וואָרט — דער ליכט־גייסט פון דער וועלט.
אפילו איך, דער מינדסטער אין דיין יחוס־קייט
טראָג אויכעט מיין געשלאַנגקייט מיט פרייד.
און זאָל מען ווידער דאַרפן גיין
צאָלן נייע צינדזן — בלוט און פּיין
בין איך גרייט אויפסניי,
בין איך אַלץ נאָך טריי.

נאָך אַלע טעג און נעכט פון אַנגסט און שרעק
דערהייב איך ווידער שטאָלץ מיין נאָמען: ייד.
איך שטיי ביים ראַנד פון דיין טויזנטיאָריקן וואַנדער־וועג
און קוש דעם שטויב פון דיינע בלוטנדיקע טריט.
און מיינע ליפּן פליסטערן אויפסניי:
עם ישראל חי! עם ישראל חי!

אינהאַלט:

אין טאָל פון טרערן

זייט

געזעגענונג 7

וואוהין? 8

אין פרעמדן לאַנד 9

קירגיזיע 10

הונגער 11

מיין חבר שטאַרבט 13

דאָס געוויין פון מיין היים 14

וואו זייט איר געווען? 17

טרויער 18

זעקס ליכטלעך 19

יוגנט 20

איינער 21

על פרשת דרכים 22

אין שעה פון תפילה

זייט

דעם זין 25

אין נאַכט 26

ווי לאַנג? 27

אַ תפילה 28

אַ טאָג 29

אין דעמער 30

אַ רגע 31

דער ליכט־אוצר 32

זוניקע קרוינען 33

פאַרנאַכט 34

אין מאַי 35

פרילינג ווינטלעך 36

פאַר מיר 37

זייט

פּאַרגיב 38
אַ לויב צום לעבן 39
ספר תהלים 40
דער גוטער מענטש 41
נישט בלויז 42
אַ שטערן אין דער נאַכט 43
און ווידער 45
יעדער טאָג 46
דאָס בוך פון לעבן 47
פון תהלים 48
מיין גאַנג 49
זינגען 50

צום קוואַל

נעמי 53
אדע צו די פּשוטע יידן 55
יידיש - וואָרט 56
א. מ. וויסנבערג 57

זייט

דער מאָז פון ליד 58
אונדזער יוגנט 59
דיין פּערז 60
צום קוואַל 61
בטחון 62
מיין יחוס 63
דאָס ליד פון דער נויט 64
וואָונדערשטאָט 65
כ'ווּעל 66
דער אַלטער קלאַשאַר 67
ברויט און זון 68
מאין יבוא ? 69
ממעמקים 70
קום 71
דאָס לעצטע געוויין 72
חלוצים 73
עולים 74
אין לאַנד פון די אבות 75
עם ישראל 76

אַ האַרציקן דאַנק דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס ווי אויך אַלע פריינט וואָס האָבן מיט זייערע ביישטייערונגען דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן די לידער־זאַמלונג.

אַ יישור כוח די קאָלעגן פון קאָמיטעט: ישראל ראַבינאָוויטש, מלך ראַוויטש און איידע מאַזע, ווי אויך דעם פריינט לייבל טענצער פאַר זייער חברישער מיטהילף.

דעם פריינט ד. קאָהן, אייגנטימער פון סיטי פּרינטינג קאָ., קומט ספּעציעלע אַנערקענונג פאַר זיין וואַרעמער באַציאונג צו יונגע יידישע שרייבער.

ש. ס.